# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ו - גליון רט**

**אידיש**

## פרשת ויצא

בענין
"ביאור שיטת התוספות והאור זרוע, וחידוש
הנפלא של השואל ומשיב ליישב קושיית
התוספות ותמיהת המהרש"א על הבית יוסף
בענין אין מקדשין החודש בלילה"

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא:** (בראשית כח, יא)

### גמרא במסכת ברכות

שטייט אין **גמרא מסכת ברכות** (כו, ב): **יעקב תיקן תפלת ערבית** - יעקב האט מתקן געווען דער תפילה פון מעריב, שנאמר - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: **וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם, ואין פגיעה אלא תפלה** - און דער לשון 'ויפגע' איז א לשון פון תפילה, שנאמר - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיהו ז, טז): **וְאַתָּה אַל תִּתְפַּלֵּל בְּעַד הָעָם הַזֶּה וְאַל תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל תִּפְגַּע בִּי.**

נאך טרעפט מען אין גמרא אין ברכות (כז, ב) ווי די גמרא שטעלט זיך אויף דעם וואס די משנה זאגט דארט 'תפלת הערב אין לה קבע'.

פרעגט די גמרא: **מאי אין לה קבע** - וואס מיינט תפילת ערבית אין לה קבע? ענטפערט די גמרא: **כמאן דאמר: תפלת ערבית רשות** - פירוש: די משנה קומט אינז לאזן הערן אז תפילת ערבית איז א רשות, דהיינו עס איז נישט קיין חובה ווי שחרית און מנחה. און די גמרא איז ממשיך **דאמר רב יהודה אמר שמואל: תפלת ערבית, רבן גמליאל אומר: חובה, רבי יהושע אומר: רשות. אמר אביי: הלכה כדברי האומר חובה. ו**(רבא) **רב** (גרסת המסורת הש"ס וכן משמע מתוספות מובא לקמן) **אמר: הלכה כדברי האומר רשות.**

### שיטת התוספות בענין תפילת ערבית רשות

אין די גמרא דארט אין **מסכת ברכות** (כו, א) שטייט: **טעה ולא התפלל ערבית, מתפלל שחרית שתים** - איינער וואס האט פארגעסן צו דאווענען מעריב, דארף ער דאווענען די נעקסטע צופרי צוויי מאל די שמונה עשרה פון שחרית.

קומט דארטן **תוספות** (ד"ה טעה) און פרעגט: **ואם תאמר והאמר רב לקמן** (כז, ב) **תפלת ערבית רשות וקיימא לן כוותיה באיסורי** - פירוש: רב זאגט דאך אז תפילת ערבית איז א רשות, און די כלל איז אז די הלכה איז ווי רב 'באיסורא', און אויב אזוי איז דאך די הלכה אז תפילת ערבית איז נאר א רשות, און אויב אזוי פארוואס זאגט די גמרא אז אויב מען האט פארגעסן מעריב דארף מען דאווענען ביי שחרית צוויי שמונה עשרה'ס, די תפילה פון מעריב איז דאך נאר א רשות?

נאך א קשיא פרעגט תוספות: **ועוד קשה דאמר לקמן** (ל, ב) **טעה ולא התפלל יעלה ויבוא בלילה אין מחזירים אותו משום דאין מקדשין את החדש בלילה ולמה ליה האי טעמא תיפוק ליה דתפלת ערבית רשות** - פירוש: שטייט אין **ברכות** (ל, ב): **אמר רב ענן אמר רב, טעה ולא הזכיר של ראש חודש ערבית, אין מחזירין אותו, לפי שאין בית דין מקדשין את החודש אלא ביום** - איינער וואס האט פארגעסן צו זאגן יעלה ויבא ביי מעריב ראש חודש, דארף ער נישט איבער דאווענען מעריב, וויבאלד די הלכה איז אז בית דין איז נישט מקדש די חודש ביינאכט, נאר בייטאג, ווען דעם בזמן שבית המקדש היה קיים, וואלט ראש חודש געווען נאר פון צופרי ווען בית דין

האט מקדש געוועהן די חודש, אבער ביינאכט איז נישט געוועהן ראש חודש, און וועגן דעם אפילו בזמן הזה וואס ראש חודש ווערט לויט די סדר פון די לוח, איז מען נישט מחמיר אז מען דארף איבער דאווענען מעריב אויב מען האט פארגעסן יעלה ויבא ביי מעריב. קומט תוספות און פרעגט אויך אויף די גמרא, פארוואס דארף די גמרא זאגן אז די טעם פארוואס מען דארף נישט איבער דאווענען מעריב ווען מען פארגעסט יעלה ויבא איז וויבאלד 'אין מקדשין את החודש אלא ביום', די גמרא וואלט געדארפט זאגן אז די טעם איז וויבאלד תפילת ערבית איז נאר א רשות און נישט קיין חובה?

קומט תוספות און ענטפערט: **וי"ל הא דאמרינן דתפלת ערבית רשות היינו לגבי מצוה אחרת והיא עוברת דאז אמרינן תדחה תפלת ערבית מפניה אבל לחנם אין לו לבטלה** - פירוש: דעס וואס רב האט געזאגט א 'תפילת ערבית רשות' מיינט נישט אז עס א רשות און 'בחנם' קען מען מבטל זיין און נישט דאווענען מעריב, נאר די כונה איז אז אויב איינער האט פאר זיך צוויי מצות צו מקיים זיין, און איינער פון די צוויי מצות איז די מצוה פון תפילת ערבית, שטיפט מען אפ די תפילת פון מעריב און מען דארף מקיים זיין די אנדערע מצוה, ווייל מעריב איז א רשות, אבער לעולם לגבי אנדערע זאכן איז עס א געהעריגע חובה, און וועגן דעם, ווען איינער פארגעסט צו דאווענען מעריב דארף ער דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס די קומענדיגע צופרי, און אזוי אויך אויב מען פארגעסט יעלה ויבא, איז מכח די טעם אז תפילת ערבית רשות וואלט ער געדארפט איבער דאווענען שמונה עשרה, נאר מכח די טעם פון אין מקדשין את החודש בלילה דארף ער נישט איבער דאווענען.

### דברי האור זרוע - כשיטת התוספות

די **אור זרוע** (הלכות תפילה סימן פז) שרייבט אויף אזוי ווי תוספות אז אפילו תפילת ערבית איז א רשות 'אין לבטלו בחנם'. און ער ברענגט א הפלא'דיגע ראיה צו דעם, וזה לשונו: **ונראה להביא ראיה שאין לבטלה בחנם, דתנן** (תענית ב, א) **מאימתי מזכירין גבורות גשמים, רבי אליעזר אומר מיום טוב ראשון של חג, רבי יהושע אומר מיום טוב האחרון של חג, דהיינו יום שמיני עצרת ערבית, דאי ביום השביעי בשחרית הא אמר רבי יהושע בגמרא דאינו אלא סימן קללה. ותימה הא אמר רב יהושע תפילת ערבית רשות, והיאך יזכיר בה, אלא שמע מינה דאף על גב דסבר רבי יהושע דרשות היא, מודה הוא שאין לבטלה בחנם** - פירוש: אין די ערשטע משנה אין **מסכת תענית** (ב, א) שטייט: **מאימתי מזכירין גבורות גשמים** - פון ווען הייבט מען אן זאגן 'משיב הרוח ומוריד הגשם' ביים דאווענען? ברענגט די משנה א מחלוקת: **רבי אליעזר אומר: מיום טוב הראשון של חג** - רבי אליעזר זאגט פון די ערשטע טאג סוכות, **רבי יהושע אומר: מיום טוב האחרון של חג** - רבי יהושע זאגט מען הייבט אן פון די אכטע טאג פון סוכות, דהיינו 'שמיני עצרת'. איז די משנה ממשיך: **אמר לו רבי יהושע: הואיל ואין הגשמים אלא סימן קללה בחג, למה הוא מזכיר?** - פירוש: רבי יהושע טענה'עט פאר רבי אליעזר, ווי אזוי קענסטו זאגן אז מען זאל אנהייבן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם די ערשטע טאג סוכות, אין גמרא אין מסכת סוכה (כח, ב) איז מבואר אז 'גשמים' סוכות איז סימן קללה, איז פארוואס זאל מען דעמאלטס אנהייבן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם? און וועגן דעם ווארט מען ביז שמיני עצרת וואס מען דארף שוין נישט זיצן אין די סוכה, און דעמאלטס הייבט מען אן זאגן משיב הרוח.

זאגט די אור זרוע אז פון די משנה איז משמע אז רבי יהושע האלט מען הייבט אן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם ביי 'מעריב' פון שמיני עצרת (עי' שם ברש"י דף ג, א ד"ה הרי רבי יהושע, וע"ע בגבורות הארי במשנה שם, בשפת אמת שם, ואכמ"ל), און אויב האלט רבי יהושע אז 'תפילת ערבית' איז נאר א 'רשות' ווי אזוי קען ער זאגן אז דעמאלטס איז דא א חיוב צו אנהייבן זאגן משיב הרוח, די תפילה איז דאך נאר א רשות, און אויב איינער וויל מיז ער נישט דאווענען מעריב? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם, אז דעס רבי יהושע זאגט אז תפילת ערבית איז א רשות, מיינט נישט אז מען קען עס בחנם מבטל זיין, נאר לעולם איז דא א 'חיוב' צו דאווענען מעריב, און די גאנצע זאך וואס רבי יהושע זאגט אז תפילת ערבית איז א רשות איז נאר לגבי אם יש מצוה אחרת, און אזוי ווי תוספות שרייבט.

### דברים מחודשים של השואל ומשיב בשיטת התוספות והאור זרוע

די גרויסע פוסק און משיב הדור **רבי יוסף שאול נתנזון זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת שואל ומשיב** (מהודרה תליתאה, חלק ב, סימן ג) ברענגט אראפ די ווערטער פון תוספות און די אור זרוע, און ער איז מחדש גרויסע חידושים אין די הלכה פון 'תפילת ערבית רשות', וזה לשונו: **ולפי עניות דעתי נראה דבר חדש, דהנה בטעם דתפילת ערבית רשות הוא מבואר בטור ובית יוסף סימן רל"ה משום דהיא נתקן כנגד תמידין שלא נתעכלו מבעוד יום וקרבים והולכים כל הלילה, כדאמרו בברכות דף כ"ו** (עמוד ב), **וכוונתם מבוארת, דהרי אמרו שם תפילת ערבית אין לה קבע שהרי איברים ופדרים שלא נתעכלו קרבים**

**והולכים כל הלילה, ומה שאמרו תפלת ערבית אין לה קבע מפרש בש"ס דף כ"ז** (עמוד ב) **דהיינו כמאן דאמר תפלת ערבית רשות, וזה פשוט.**

פירוש: די **טור** שרייבט ביי הלכות מעריב (סימן רלה): **וכשיגיע הלילה יתפלל תפילת ערבית, ואינה חובה, שלא נתקנה אלא כנגד איברים ופדרים של תמיד של בין הערבים שלא נתעכלו ביום, שקרבין והולכין כל הלילה** - פירוש: ווען עס קומט אן די נאכט דארף מען דאוונען די תפילה פון מעריב, און די תפילה איז נישט קיין 'חובה', נאר עס איז א 'רשות'. און די טור איז מבאר די טעם פארוואס תפילת ערבית איז א רשות, און כדי צו פארשטיין די טעם פון די טור דארף מען מקדים זיין די גמרא אין מסכת ברכות (כו, ב) ווי די גמרא האט דארט מחלוקת פון ווי איז די מקור אז מען דארף דאוונען דריי תפילות א טאג. **רבי יוסי ברבי חנינא אמר: תפילת אבות תקנום** - דהיינו די דריי תפילות א טאג קומען שוין פון די אבות הקדושים, און ווי די גמרא ברענגט א ברייתא ווי עס שטייט אז אברהם האט מתקן געווען די תפילה פון שחרית, און יצחק האט מתקן געווען די תפילה פון מנחה, און יעקב האט מתקן געווען די תפילה פון מעריב. **רבי יהושע בן לוי אמר: תפילות כנגד תמידין תקנון** - דהיינו די דריי תפילות א טאג איז אנטקעגן די פון די תמיד של שחר און תמיד של בין הערבים וואס מען האט מקריב געווען יעדן טאג. און די גמרא ברענגט דארט א ברייתא ווי עס ווערט מער מבואר און קלארער שיטת רבי יהושע בן לוי, וזה לשון הברייתא שם: **תניא כוותיה דרבי יהושע בן לוי: מפני מה אמרו תפלת השחר עד חצות - שהרי תמיד של שחר קרב והולך עד חצות** - וואס איז די טעם אז מען קען דאוונען שחרית ביז חצות? וויבאלד די תמיד של שחר האט מען געקענט מקריב זיין ביז חצות... **ומפני מה אמרו תפלת המנחה עד הערב - שהרי תמיד של בין הערבים קרב והולך עד הערב** - וואס איז די טעם אז מען קען דאוונען די תפילה פון מנחה ביז ביינאכט? וויבאלד די תמיד של בין הערבים האט מען געקענט מקריב זיין ביז ביינאכט... קומט די ברייתא און איז ממשיך צו די תפילה פון מעריב, און פרעגט: **"ומפני מה אמרו תפלת הערב אין לה קבע - שהרי אברים ופדרים שלא נתעכלו מבערב קרבים והולכים כל הלילה"** - בפשטות איז משמע אז די כוונה פון די ברייתא איז אזוי: פארוואס מעג מען דאוונען מעריב א גאנצע נאכט ["אין לה קבע"]? און די ברייתא איז מסביר וויבאלד די הלכה איז אז די אברים און די חלבים פון אלע קרבנות וואס מען האט מקריב געווען א גאנצע טאג אין די בית המקדש האט מען געמעגט מקטיר זיין א גאנצע נאכט, און די תפילה פון מעריב איז אנקעגען די אברים וחלבים, און וועגן דעם קען מען דאוונען מעריב א גאנצע נאכט. און די הסבר שרייבט בפירוש תלמידי רבינו יונה, און אזוי איז אויך משמע פון די לשון פון רש"י. די טור אבער איז מבאר די ווערטער פון די ברייתא מיט א אנדערע פירוש, און די פירוש פון די טור איז געבויעט אויף די גמרא שפעטער אין ברכות (הובא קצת לעיל) ווי די גמרא איז מבאר די ווערטער פון 'אין לה קבע', וזה לשון הגמרא (כז, ב): די גמרא שטעלט זיך אויף דעם וואס די משנה זאגט דארט 'תפלת הערב אין לה קבע'. פרעגט די גמרא: **מאי אין לה קבע** - וואס מיינט תפילת ערבית אין לה קבע? **אילימא דאי בעי מצלי כוליה ליליא - ליתני תפלת הערב כל הלילה** - אויב ווילסטו מפרש זיין אז 'אין לה קבע' מיינט אז מען קען דאוונען מעריב א גאנצע נאכט, וואלט די משנה געדארפט שרייבן 'תפילת הערב כל הלילה', איז על כרחך מיז מען זאגן אז דעס קען נישט זיין די פשט אין די משנה: **אלא מאי אין לה קבע** - איז וואס איז יא די הסבר פון די משנה אז תפילת ערבית אין לה קבע? ענטפערט די גמרא: **כמאן דאמר: תפלת ערבית רשות** - פירוש: די משנה קומט אינז לאזן הערן אז תפילת ערבית איז א רשות, דהיינו עס איז נישט קיין חובה ווי שחרית און מנחה. לפי די גמרא אין דף כז, איז די טור מבאר דא די ברייתא אין דף כו. די ברייתא פרעגט: "ומפני מה אמרו תפלת הערב אין לה קבע - דהיינו, פארוואס זאגט מען אז תפילת ערבית איז א 'רשות', און נישט קיין חובה אזוי ווי שחרית און מנחה? ענטפערט די ברייתא: שהרי אברים ופדרים שלא נתעכלו מבערב קרבים והולכים כל הלילה" - פירוש: וויבאלד מעריב האט מתקן געווען אנקעגן די אברים ופדרים, און עס האט זיך זייער אסאך מאל געמאכט אז אלע אברים ופדרים האט מען יא מקטיר געווען מבעוד יום, און מען האט עס בכלל נישט מקטיר געווען בלילה, און אויב אזוי קומט אויס אז די אברים ופדרים זענען געווען א מאל יא און א מאל נישט, וועגן דעם איז די תפילה פון מעריב אויך אזא תפילה פון א 'רשות', און נישט קיין חובה אזוי ווי שחרית און מנחה.

נאך די הפלא'דיגע ביאור פון די שואל ומשיב און די ווערטער פון די טור, איז די שואל ומשיב ממשיך און פרעגט: **ולכאורה צריך ביאור הא היום הולך אחר הלילה, ונמצא דתפילה ראשונה של היום היא בלילה, ולדעת הרמב"ם** (הלכות תפילה פרק א, הלכה א - ג) **עיקר תפילה מן התורה אינו רק פעם אחת ביום ואחר כך אינו רק מדרבנן, ואם כן למה לא נתנו ללילה משפט הקדימה שזו יצאה ראשונה** - פירוש: עס איז ידוע די שיטה פון די **רמב"ם** (שם, הלכה א) אז 'תפילה' איז א מצות עשה מן התורה [לעומת הרמב"ן חולק עליו וסובר שהוא רק מצוה דרבנן. ואכמ"ל]. און אזוי אויך איז די רמב"ם מבאר (שם, הלכה ג) אז די מצוה מן התורה איז נאר צו דאוונען 'איינמאל' דורכן טאג [און דעס אז מען דארף דאוונען דריי מאל א טאג, דהיינו מעריב שחרית און מנחה איז נאר א תקנה וואס די רבנן

האבן מתקן געווען], און אויב אזוי קומט אויס, אז לפי די כלל וואס איז דא ביי כלל ישראל אז 'היום הולך אחר הלילה', דהיינו די טאג הייבט זיך אן פון ביינאכט, קומט אויס אז די ערשטע תפילה וואס מען גייט דאווענען על פי די תקנה פון די רבנן צו דאווענען דריי תפילת א טאג, גייט זיין די תפילה פון מעריב, און אויב אזוי קומט אויס א יעדער מאל וואס מען דאווענט מעריב איז די תפילה א תפילה דאורייתא, און אויב אזוי ווערט זייער שווער, ווי אזוי קען מען זאגן אז די תפילה פון מעריב זאל זיין א 'רשות', ווען למעשה קומט אויס אז ווען מען דאווענט מעריב איז מען יעצט מקיים די מצות עשה פון תפילה?

ענטפערט די שואל ומשיב: **אך הדבר נכון דהרי תפלות כנגד תמידין תקנו, ובקדשים הלילה הולך אחר היום ולכך תפלת ערבית רשות, וזה ברור** - פירוש: נאר די תירוץ איז, אז וויבאלד די תפילות פון שחרית מנחה און מעריב האט מען מתקן געווען 'כנגד התמידין', און ביי קדשים איז דאך די כלל אז 'הלילה הולך אחר היום' (עי' חולין פג, א), דהיינו די נאכט ווערט גערעכנט צו די טאג פון פארדעם, און אויב אזוי קומט אויס די תפילה פון מעריב איז נישט די ערשטע תפילה פון די טאג, נאר די לעצטע תפילה פון די טאג, און וועגן דעם איז אפילו לויט די רמב"ם די תפילה פון מעריב נישט קיין דאורייתא, און וועגן דעם קען מען זאגן אז 'תפילת ערבית רשות'.

מיט די הקדמה איז די שואל ומשיב ממשיך און ער פרעגט אף די ראיה פון די אור זרוע, אז תפילת ערבית איז א חובה, פון דעם וואס מען זעהט אז רבי יהושע האלט אז מען הייבט אן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם ביי מעריב, וזה לשונו: **ולפי זה אני אומר דבר חדש, דזה דוקא בשאר ימים, אבל ביום טוב דהיום הולך אחר הלילה לענין מלאכה וכדומה, אם כן בזה ודאי גם לענין תפילה עיקרה בלילה דזה ראשונה, ומגו דנחשב לילה ראשונה והיום הולך אחר הלילה לענין מלאכה וקדושת יום טוב, ממילא מקרי לילה גם לענין תפלה ומיושב היטב קושית אור זרוע** - פירוש: די שואל ומשיב קומט און זאגט, אז די ראיה וואס די אור זרוע זאגט אז פון דעם וואס מען זעהט אז רבי יהושע זאגט אז מען הייבט אן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם שמיני עצרת ביינאכט ביי מעריב, איז מוכח אז תפילת ערבית איז א חובה און נישט קיין רשות, די ראיה קען מען אפפרעגן. און די אפפרעג איז, ווייל דעס וואס די שואל ומשיב האט פריער מסביר געווען אז די תפילה פון מעריב איז די 'לעצטע' מעריב פון די טאג איז נאר ביי אז פשוט'ע טאג וואס די 'לילה' איז 'הולך אחר היום', אבער ווען מען רעדט פון יום טוב, וואס ביי דיני יום טוב הייבט זיך די טאג אן פון די נאכט, וויבאלד פון די שקיעה איז מען אסור צו טוהן א מלאכה, איז ביי א יום טוב קען מען נישט זאגן אז די נאכט געהערט צו די טאג פארדעם, און הוא הדין לגבי די תפילות פון יום טוב גייט מען נישט זאגן אז די תפילה פון מעריב איז די לעצטע תפילה פון ערב יום טוב, נאר מען זאגט אז די תפילה פון מעריב איז די ערשטע תפילה פון יום טוב, און אויב אזוי קומט אויס אז די ערשטע תפילה וואס מען דאווענט אין יום טוב איז מעריב, און לפי די רמב"ם איז די ערשטע תפילה א 'דאורייתא', און איינמאל עס איז א דאורייתא איז נישט מסתבר צו זאגן אז די תפילת ערבית של יום טוב איז א רשות, און על כרחך מיז מען זאגן אז תפילת ערבית של יום טוב איז יא א חובה, און וועגן דעם קען מען זאגן אז לעולם האלט רבי יהושע אז תפילת ערבית א גאנץ יאר איז א רשות, ווייל א גאנץ יאר איז די תפילת ערבית די לעצטע תפילה פון די טאג און עס איז נישט קיין דאורייתא, און אפילו אזוי קען ער זאגן אין מסכת תענית אז מען זאל אנהייבן זאגן משיב הרוח ומוריד הגשם ביי מעריב של שמיני עצרת, וויבאלד די מעריב פון שמיני עצרת וואס איז דאך א יום טוב'דיגע מעריב איז יא א חובה, וויבאלד די תפילה ווערט גערעכנט ווי די ערשטע תפילה פון די טאג, וואס לפי די רמב"ם איז עס א דאורייתא.

און מיט די זעלבע מהלך איז די שואל ומשיב מסביר, אז תוספות קשיא איז אויך נישט שווער, וזה לשונו: **ובזה מיושב היטב קושית התוספות ריש פרק תפלת השחר, דלמה ליה לומר הטעם דטעה ולא הזכיר יעלה ויבא ערבית אין מחזירין משום דאין מקדשין החודש בלילה, תיפוק ליה דהא תפילת ערבית רשות, ולפי מה שכתבתי אתי שפיר, דאם היו מקדשין החודש בלילה אם כן היה היום הולך אחר הלילה בזה לענין קידוש החדש שוב היה תפלת ערבית חובה בלילה ולכך הוצרך לומר דאין מקדשין החדש בלילה** - פירוש: תוספות ברענגט א ראיה אז תפילת ערבית איז חובה, פון דעם וואס די גמרא איז מסביר די טעם פארוואס ווען איינער פארגעסט יעלה ויבא ביי מעריב דארף ער נישט איבער דאווענען, ווייל 'אין מקדשין החודש בלילה', און אויב איז אמת אז תפילת ערבית איז נאר א רשות, איז פארוואס דארף מען צוקומען צו דער טעם, די עצם זאך אז מעריב איז א רשות איז שוין גענוג סיבה צו נישט איבער דאווענען, נאר על כרחך זעהט מען פון דעם אז תפילת ערבית איז יא א חובה [ומה שאמרו התנאים והאמוראים שתפילת ערבית הוא רשות, זה רק לענין אם יש מצוה אחרת, וכדלעיל]. זאגט אבער די שואל ומשיב אז לפי די הסבר ווי ער האט געשריבן אויבן, גייט די ראיה פון תוספות אוועקפאלן. ווייל לעולם קען מען זאגן אז תפילת ערבית איז יא א רשות, און אפילו אזוי ווען איינער פארגעסט יעלה ויבא ביי מעריב דארף ער יא איבער דאווענען, און די הסבר

איז, וויבאלד לו יצויר די הלכה וואלט געווען אז מען מעג יא מקדש זיין די חודש ביינאכט, דעמאלטס וואלט אויסגעקומען אז ראש חודש וואלט זיך אנגעהויבן שוין פון ביינאכט, און דעמאלטס וואלט מען געזאגט, אז וויבאלד לענין ראש חודש גייט די 'לילה אחר היום', איז אזוי אויך לענין די תפילות איז מעריב די ערשטע תפילה פון ראש חודש, און אויב עס איז די ערשטע תפילה איז די תפילה א דאורייתא, און עס איז יא א חובה, און אויב מען וואלט פארגעסן יעלה ויבא ביי מעריב וואלט מען יא געדארפט איבער דאווענען, און וועגן דעם זאגט די גמרא אז די טעם פארוואס מען דארף נישט איבער דאווענען מעריב איז וויבאלד 'אין מקדשין החודש בלילה', און אויב אזוי איז נישט דא א מציאות אז ראש חודש זאל זיך אנהייבן ביינאכט, און אויב אזוי האט די מעריב פון 'ליל ראש חודש' א שייכות מיט די טאג פארדעם, און עס איז די לעצטע תפילה פון די טאג, און עס איז נאר א תפילה דרבנן און מעריב איז א רשות, און וועגן דעם דארף מען נישט איבער דאווענען. [און אנדערע ווערטער: די טעם פארוואס די גמרא זאגט די טעם פון 'אין מקדשין החודש בלילה', איז נישט וויבאלד מעריב איז א חובה, נאר פונקט פארקערט, די טעם פארוואס די גמרא זאגט די טעם פון 'אין מקדשין החודש בלילה', איז כדי צו מוכיח זיין אז יעדער מעריב איז א 'רשות', און 'וועגן עס איז א רשות' דארף מען נישט איבער דאווענען אויב מען פארגעסט יעלה ויבא]. והדברים מוחדשים עד למאוד!

און מיט דער טיפע הפלא'דיגע ביאור איז די שואל ומשיב ממשיך און ענטפערט זייער א שטארקע קשיא וואס די מהרש"א פרעגט אויף די בית יוסף, וזה לשונו: **ובזה אמרתי דבר נחמד ליישב דברי הבית יוסף** (אורח חיים סימן תכב) **שהביא דברי היש מפרשים שהביאו התוספות** (ברכות ל, ב ד"ה לפי) **דדוקא בלילה הראשונה אין מחזירין לפי שאין מקדשין, אבל בלילה שניה שכבר הוא חדש ומקודש מיום שלפניו מחזירין, וכתב הבית יוסף שכן הוא באורחות חיים** (הלכות תפילה אות קג), **אבל הן דברי תימה, שהן נגד הגמרא דאמרו לא שנא מלא ולא שנא חסר, ותמה המהרש"א דהש"ס קאי על לילה הראשונה, אבל השניה שפיר יש לומר דמחזירין והוא תימה גדולה** - פירוש: די גמרא אין מסכת ברכות נאך וואס די גמרא ברענגט אראפ די מימרא פון רב ענן אמר רב, אז טעה ולא הזכיר של ראש חודש ערבית, אין מחזירין אותו, לפי שאין בית דין מקדשין את חודש אלא בלילה, קומט די גמרא און ברענגט א מימרא פון אמימר, וזה לשון הגמרא שם: **אמר אמימר - מסתברא מילתא דרב בחודש מלא, אבל בחודש חסר מחזירין אותו** - פירוש: אמימר זאגט אז די דין פון רב אז אויב מען פארגעסט יעלה ויבא ביי מעריב דארף מען נישט איבער דאווענען, איז דוקא געזאגט געווארן ביי א 'חודש מלא', דהיינו ביי ראש חודש וואס קומט נאך א חודש וואס האט געהאט אין זיך דרייסיג טעג, וואס דעמאלטס מאכט מען צוויי טעג ראש חודש [יום השלושים מחודש העבר, ויום הראשון מהחודש הנכנס], און דעמאלטס איז מסתבר צו זאגן אז אויב מען האט פארגעסן יעלה ויבא ביי די מעריב פון די ערשטע טאג ראש חודש דארף מען נישט איבער דאווענען, וויבאלד עס גייט דאך זיין נאך א טאג ראש חודש, און ביי די צווייטע מעריב גייט ער דעמאלטס שוין זאגן יעלה ויבא [און ווי רש"י לייגט צו: יכול לאמרה למחר "דערבית של מחר ראש חודש גמור יותר מן הראשון"], מה שאין כן ביי א 'חודש חסר', דהיינו א ראש חודש וואס קומט נאך א חודש פון ניין און צוואנציג טעג, און דעמאלטס מאכט מען נאר איין טאג ראש חודש, און עס גייט נישט זיין נאך מעריב של ראש חודש, דעמאלטס איז די דין אז 'מחזירין אותו', דהיינו מען דארף יא איבער דאווענען שמונה עשרה, אויב מען פארגעסט יעלה ויבא ביי מעריב. זאגט אבער די גמרא: **אמר ליה רב אשי לאמימר: מכדי, רב טעמא קאמר, מה לי חסר ומה לי מלא? אלא לא שנא** - פירוש: רב אשי איז דוחה די הנחה פון אמימר און ער זאגט, אז אפילו ווען עס איז דא נאר איין טאג ראש חודש, דארף מען אויך נישט איבער דאווענען אויב מען האט פארגעסן יעלה ויבא, און די טעם איז וויבאלד רב געט דאך א 'טעם' פארוואס מען דארף נישט איבער דאווענען, דהיינו ער זאגט ווייל 'אין מקדשין את חודש אלא ביום', און דער טעם איז דאך שייך אויב ווען עס איז דא איין טאג ראש חודש, און וועגן דעם איז די הלכה אז 'לא שנא', דהיינו סיי אויב עס איז דא נאר איין טאג ראש חודש, און סיי אויב עס איז דא צוויי טעג ראש חודש, אויב מען האט פארגעסן 'די ערשטע נאכט ראש חודש' צו זאגן יעלה ויבא, דארף מען נישט איבער דאווענען.

די גאנצע סוגיא דא אין די גמרא רעדט נאר ווען איינער פארגעסט יעלה ויבא 'די ערשטע נאכט ראש חודש', וואס אבער גייט זיין די הלכה ווען איינער פארגעסט יעלה ויבא 'די צווייטע נאכט' ראש חודש, צו גייט ער דעמאלטס יא דארפן איבער דאווענען אדער נישט? קומט דארטן **תוספות** (ד"ה לפי דאין מקדשין את החודש) און שרייבט: **ויש מפרשים, דוקא בלילה ראשונה אין מחזירין אותו, לפי שאין מקדשין החודש אלא בלילה, אבל בלילה שניה מחזירין אותו שכבר מקודש מיום שלפניו** - פירוש: תוספות ברענגט אראפ א יש מפרשים וואס זאגט, אז די גאנצע גמרא רעדט דא נאר ביי די תפילת ערבית פון די ערשטע טאג, און דארט גייט טאקע זיין די הלכה אז סיי ביי א חודש מלא און סיי ביי א חודש חסר גייט מען נישט איבער דאווענען, אבער אויב איינער גייט פארגעסן ביי יעלה ויבא ביי א חודש מלא 'די צווייטע

טאג ראש חודש', גייט ער יא דארפן איבער דאווענען, און די יש מפרשים לייגט צו א טעם צו זיין פסק הלכה, וויבאלד די גאנצע טעם פון 'אין מקדשין החודש אלא ביום', איז נאר נוגע לגבי די ערשטע נאכט ראש חודש, אבער די צווייטע נאכט ראש חודש איז שוין 'מקודש ועומד', און מען דארף יא איבער דאווענען. עד כאן דברי היש מפרשים. איז אבער תוספות מסיים אויף די ווערטער פון די יש מפרשים: **ולא נראה לחלק!** - דהיינו, תוספות האלט אז מען איז נישט מחלק, און סיי ביי מעריב פון די ערשטע טאג ראש חודש, און סיי ביי די מעריב פון די צווייטע טאג ראש חודש, דארף מען נישט איבער דאווענען אויב מען האט פארגעסן יעלה ויבא.

די **בית יוסף** אין הלכות ראש חודש, ברענגט אראפ די שיטה פון די יש מפרשים, אבער ער ברענגט עס בשם די ארחות חיים, וזה לשונו (אורח חיים, סימן תכב): **כתב בארחות חיים, כתב ה"ר נתן, דבערבית ליל שני מחזירין אותו שכבר מקודש הוא, וכן כתב ריב"ט עכ"ל.** קומט די בית יוסף און שרייבט אויף דעם: **ודבר תימא הוא שזה היפך פשט דברי הגמרא** - פירוש: די בית יוסף זאגט אז די שיטה פון די ארחות חיים (שזה שיטת היש מפרשים בתוספות) איז היפך פון אינזער גמרא וואס פון דארט איז משמע אז אפילו די צווייטע טאג דארף מען נישט איבער דאווענען. עד כאן דברי הבית יוסף.

קומט די **מהרש"א** און שרייבט אויף די בית יוסף, אז ער הייבט נישט אן צו פארשטיין וואס די בית יוסף פרעגט. די מהרש"א שרייבט זיינע ווערטער אויף די שיטה פון די יש מפרשים אין תוספות, וזה לשונו: **בתוספות בד"ה לפי שאין כו', ויש מפרשים דוקא בלילה כו', אבל בלילה שניה כו', עכ"ל** - איז די מהרש"א מסביר די שיטה פון די יש מפרשים: **ודקאמר תלמודא מה לי מלא מה לי חסר, היינו בלילה ראשונה, אבל בלילה שניה במלא מחזירין** - פירוש: די מהרש"א איז מסביר אז דעם וואס די אמימר זאגט 'מכדי, רב טעמא קאמר, מה לי חסר ומה לי מלא? אלא לא שנא', גייט נאר ארויף אויף די מעריב פון די ערשטע טאג ראש חודש, און סיי ביי א חודש מלא ווען עס איז דא צוויי מעריב'ס און סיי ביי חודש חסר ווען עס איז נאר דא איין מעריב דארף מען נישט איבער דאווענען אויב מען פארגעסט יעלה ויבא, און די גמרא רעדט בכלל נישט פון די 'צווייטע מעריב', און די הסבר פון די יש מפרשים שטומט זייער גוט אויך לפי הגמרא, און וועגן דעם איז מהרש"א ממשיך און שרייבט: **והבית יוסף לפום חורפא לא עיין יפה בזה הסוגיא ודו"ק** - פירוש: לפי די ווערטער פון די מהרש"א קומט אויס אז דעם וואס די בית יוסף שרייבט 'ודבר תימא הוא שזה היפך פשט דברי הגמרא', איז וויבאלד די בית יוסף האט אפפגעלערנט אז 'מה לי חסר ומה לי מלא? אלא לא שנא' מיינט אז די גמרא זאגט אז אפילו ביי א חודש מלא ווי עס איז דא צוויי מעריב'ס, דארף אפילו ביי די צווייטע מעריב נישט איבער דאווענען, און אויב אזוי זאגט ער אז די שיטה פון די יש מפרשים איז היפך פון די גמרא, אבער די מהרש"א קומט און זאגט אז 'והבית יוסף לפום חורפא לא עיין יפה בזה הסוגיא', ווייל די גמרא האט קיינמאל נישט גערעדט פון די מעריב פון די צווייטע טאג ראש חודש, נאר די גמרא א גאנצע צייט נאר גערעדט פון די מעריב פון די ערשטע טאג ראש חודש, און אויב אזוי איז די שיטה פון די יש מפרשים יא אויסגעהאלטן לויט אינזער גמרא. עד כאן תמיהת המהרש"א על הבית יוסף.

קומט די שואל ומשיב, און מיט זיין מחודש'דיגע הסבר אין די גמרא פון 'טעה ולא הזכיר של ראש חודש ערבית, אין מחזירין אותו, לפי שאין בית דין מקדשין את החודש אלא ביום' און ער פארענטפערט די קשיא אויף די בית יוסף, וזה לשונו: **ולפי מה שכתבתי אתי שפיר, דאדרבא כל שכבר מקודש מיום שלפניו שוב יקשה הא תפילת ערבית רשות, ואין לומר שכיון שאין מקדשין - הלילה הולך אחר היום, דזה אינו, דכל שכבר מקודש מבעוד יום לא שייך הטעם שאין מקדשין החדש ודו"ק** - פירוש: לויט די הסבר פון די שואל ומשיב אין די גמרא אז די גמרא שרייבט די טעם פון אין קדשין את החודש אלא ביום, צו מוכיח זיין אז תפילת ערבית איז א רשות, און די גאנצע טעם פארוואס מען דארף נישט איבער דאווענען מעריב אויב מען פארגעסט יעלה ויבא איז וויבאלד תפילת ערבית איז נאר רשות, פארשטייט מען זייער גוט וואס די בית יוסף פרעגט 'ודבר תימא הוא שזה היפך פשט דברי הגמרא', ווייל לפי די גמרא קומט אויס אז תפילת ערבית איז א רשות, סיי די ערשטע טאג ראש חודש [ווייל אין מקדשין את החודש אלא ביום] און כל שכן די צווייטע טאג, וואס עס איז בכלל נישט שייך צו זאגן די סברא פון אין מקדשין וכו', ווייל עס איז דאך שוין מקודש ועומד, און אויב תפילת ערבית איז א רשות, איז בכלל נישט דא קיין מקום צו זאגן אז ביי מעריב די צווייטע נאכט ראש חודש זאל מען יא איבער דאווענען אויב מען פארגעסט יעלה ויבא! כפתור ופרח!

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**ראה זה חדש!!!**

**לקבלת הגליון בלשון הקודש אפשר לפנות להמייל:** mgudim5264@gmail.com